**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 44.2 מיליאן דאלער פאר ריינע וואסער סיסטעמען און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער'ן סטעיט**

***פראיעקטס געפונען זיך אין 6 ראיאנען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער ניו יארק סטעיט 'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' האט באשטעטיגט איבער 44 מיליאן דאלער פאר טרונק-וואסער און מיסט-וואסער פראיעקטן. די פאַנדינג רעכנט אריין גרענטס, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג, און לאָו-קאָסט פינאנצירונג, באשטעטיגט דורך דער EFC באורד און דירעקטארס. דאס וועט צושטעלן קאסט-גינציגע לייזונגען פאר קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע באשיצן אדער פארבעסערן וואסער קוואליטעט.

"איינע פון די וויכטיגסטע זאכן צו האלטן א קאמיוניטי שטארק און פעסט איז צוטריט צו ריינע וואסער. דורך פארזיכערן אז אונזערע ארטיגע צוזאמענארבעטער האבן די מיטלען וואס זיי דארפן אויף צו אינוועסטירן אין קריטישע וואסער פראיעקטן קענען מיר אונטערהייבן די פובליק געזונטהייט אין אונזער סטעיט, און לייגן די פונדאמענט פאר וואוקס און עקאנאמישע אנטוויקלונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן ארטיגע רעגירונגשאפטן מאכן קריטישע אפגרעידס צו הויפט אינפראסטרוקטור, ווי מיסט-וואסער איינזאמלונג סיסטעמס, טרונק-וואסער מעינס, און וואסער סטארעדזש טאנקן, העלפנדיג דערמיט צו באשיצן וואסער קוואליטעט פאר ניו יארקער איינוואוינער פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט."

**דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען (DEC) קאמישענער און EFC פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "בשעת מיר שטייען אויס אן ענדערנדע קלימאט און מער אפטע און שווערערע שטורעמס, ווערן ניו יארק'ס טרונק און מיסט-וואסער סיסטעמס אנגעשטרענגט ווי קיינמאל פריער. גאווערנער האקול פארשטייט די פינאנציעלע אנשטרענגונגען וואס ווערן געמאכט דורך ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן אויף נייטיגע אפגרעידס צו וואסער אינפראסטרוקטור און האט געמאכט דאס שטיצן זייערע באמיאונגען א הויפט פריאריטעט. דער היינטיגער אנאנסמענט איבער מער ווי 44 מיליאן דאלער אין גרענטס און לאָו-קאָסט פינאנצירונג דורך ניו יארק'ס ריינע וואסער און טרונק-וואסער סטעיט רעוואלווינג לאון פאנדס און דער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אקט וועלן העלפן ארטיגע רעגירונגשאפטן איינפירן הויפט אינפראסטרוקטור פראיעקטן קריטיש אויף צו באשיצן און פארבעסערן וואסער קוואליטעט. DEC איז שטאלץ זיך אנצושליסן מיט דער סטעיט'ס 'ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען' און קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט צו העלפן פארשטערקערן ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעמס. דער באורד און דירעקטארס באגריסט EFC פרעזידענט און CEO מאורין קאלמען, בשעת זי זעצט פאר ווייטער EFC'ס מיסיע צו העלפן קאמיוניטיס מיט קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**EFC פרעזידענט און CEO מאורין קאלמען האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, זעצט פאר ווייטער ניו יארק צו געבן פרעצעדענטלאזע שטיצע צו העלפן קאמיוניטיס פארבעסערן וואסער קוואליטעט ווי געוויזן מיט איר לעצטנסדיגע מעלדונג איבער צושטעלן 400 מיליאן דאלער פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג גרענטס גרייט צו באקומען פאר ארטיגע קאמיוניטיס. דורך באשטעטיגן פאַנדינג פאר ארטיגע רעגירונגען פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור ארבעט האט דער EFC באורד און דירעקטארס פארזיכערט אז קאמיוניטיס איבער'ן סטעיט קענען אויף קאסט-גינציגע וועגן אונטערנעמען וויכטיגע פראיעקטן וואס העלפן באשיצן אונזערע פרעכטיגע וואסער רעסאָרסן. מיר זענען צופרידן זיך אנצושליסן מיט דער דעפארטמענט אָוו

ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען, דער העלט דעפארטמענט, און ארטיגע רעגירונגען בשעת מיר ארבעטן אלע אינאיינעם צו פארשטערקערן און מאדערניזירן ניו יארק׳ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעמס.

**ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלט קאמישענער דר. האווארד זוקער האט געזאגט,** "ניו יארק׳ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פינאנצירן טרונק-וואסער אפגרעידס און אנדערע ריינע וואסער איניציאטיוון לאזט איבער א לאנג-אנהאלטנדע רושם אויף די געזונטהייט פון קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. וואסער סיסטעמס טוען איצט די ארבעט צו פארשטערקרן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור וואס וועט פארזיכערן איינוואוינער׳ס צוטריט צו הויכע-קוואליטעט טרונק-וואסער לאנג אין דער צוקונפט."

דאס באורד׳ס באוויליגונגרעכנט אריין פינאנצירונג דורך דער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (DWSRF) און גרענטס אין איינקלאנג מיט דער ׳וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט׳ (WIIA).

די פראיעקט פינאנצירונגען באוויליגט ביי דעם אקטאבער 14 זיצונג רעכענען אריין:

**טרונק-וואסער פראיעקטן:**

- סיטי אוו דזשעימסטאון אין טשאטאקווא קאונטי - WIIA $3,000,000 גרענט פאר וואסער מעין ערזעצונג.
- ווילעדזש אָוו קאניסטעא אין סטובען קאונטי - WIIA $3,000,000 גרענט און $1,776,800 אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר סטאָרעדזש און אויסטייל סיסטעם אפגרעידס.
- ווילעדזש אָוו וואלטאן אין דעלעווער קאונטי - WIIA $1,200,000 גרענט און $800,000 אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר סטאָרעדזש און אויסטייל סיסטעם אפגרעידס.
- שטאט קינגסטאן אין אולסטער קאונטי - WIIA $900,000 גרענט און $600,000 אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט ראטע פינאנצירונג צו אפגרעיד׳ען טראנסמיסיע און אויסטייל סיסטעמס.
- מאסאפעקווא וואסער דיסטריקט אין נעסאוי קאונטי - $4,000,400 אינטער-מוניציפאלע גרענט צו אפגרעיד׳ען א אויסטייל סיסטעם.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- שטאט לאקפּארט אין ניאגארא קאונטי - WIIA $531,250 גרענט, $2,268,750 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג, און $1,000,000 קורץ-טערמיניגע מארקעט ראטע פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- ווילעדזש אָוו עדיסאן אין סטובען קאונטי - $2,914,513 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער סיסטעם פארבעסערונגען.
- שטאט בינגהעמטאן אין ברום קאונטי - $2,740,000 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק אויפריכטונג און רעהאביליטירונג מיט׳ן ווילעדזש אָוו דזשאנסאן סיטי.
- ווילעדזש אָוו דזשאנסאן סיטי אין ברום קאונטי - $2,260,000 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק אויפריכטונג און רעהאביליטירונג מיט׳ן שטאט בינגהעמטאן.
- ווילעדזש אָוו בונוויל אין אָניידע קאָונטי - $5,122,500 אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרי פינאנצירונג און א $2,457,500 גרענט פון דער ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.
- טאון אָוו טיקאנדעראגע אין עסעקס קאונטי - $9,275,936 אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאנצירונג פאר באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען, סעניטערי סוער אפזונדערונג און סטרים דעיליייטינג.
- טאון אָוו ניו ווינדסאר אין אראנדזש קאונטי - WIIA $392,188 גרענט פאר סוער רעהאביליטירונג.

דער CWSRF און דער DWSRF זענען EFC׳ס קערנדל פאנדינג פראגראמען. אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DEC, איז EFC פאראנטווארטליך פאר די אפעראציע און אדמיניסטראציע פון דעם CWSRF. דער CWSRF ערלויבט EFC צוצושטעלן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און

גרענטס צו שטיצן א ריי פארשידענע בארעכטיגטע וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן. ענליך צו דעם טוט EFC אפערירן און אדמיניסטרירן דעם DWSRF, אינאיינעם מיט איר מיטארבעטער DOH, צו גיבן אינטערעסט-פרי אדער מינימאלע-אינטערעסט ראטע פינאנצירונג און גרענטס פאר טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. אויף אויסצוגעפונען מער אויף וויאזוי EFC גיבט צוטריט צו לאָו-קאָסט קאפיטאל, גרענטס און עקספערט טעכנישע הילף, באזוכט EFC׳ס וועבזייטל ביי www.efc.ny.gov.

**###**

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418